# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פרשת כי תצא - כי תבוא תשפ"ד ◆ עלון מס': 147

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### דער זעלבער באשעפער וואס האט דיר באשאפן - שיקט דיר דיינע געברויכן

זייער אסאך מאל הערט מען מענטשן רעדן מיט א בענקעניש און מיט א גלוסטעניש צו די אמאליגע וועלט.

"אמאל איז געווען אנדערע צייטן", וועלן די אידן זיך אויסדרוקן.

מען וועט אויסלויבן דער אמאל, אז עס קען זיך דוכטן אז אמאל איז די וועלט געווען א שלימות'דיגער וועלט. עס איז געווען ריין פון זארגן. פון צופרי ביז ביינאכט איז מען געזעסן נעבן דער פייער-אויוון און געזינגען ניגונים צום באשעפער.

עס איז אמת אז אמאל איז די לופט געווען לויטערער, די תמימות איז געווען שטערקער, אבער אמאל האט מען אויך אוועקגעלייגט עסן פון זונטאג אויף מאנטאג און פון מאנטאג אויף דינסטאג און פון דינסטאג אויף מיטוואך.

אמאל איז אלעס געווען בצמצום. עס איז געווען ווייניג עסן, ווייניג מילכיגס, א ברויט האט געקלעקט אויף א גאנצע וואך, יעדן טאג האט מען אראפגעציפט נאך א שטיקל ברויט.

ווער האט אמאל געגעסן פרישע ברויט? אין די ערשטע טעג איז נאך די ברויט געווען אין מויל צו נעמען.

שפעטער האט עס שוין געהאט אויף זיך שטיקער שימעל.

היינט וועט אויך דער גרעסטער ארעמאן נישט נעמען אזא ברויט אין די הענט אריין. אין די היינטיגע וועלט איז דא עסן בשפע רב, עס איז דא א ברייטע אויסוואל, אלע מיני סארט עסנ'ס, אלע ערליי טעמים.

טאג טעגליך שטעלן זיך אוועק ריזיגע טראקס פאר די סופערמארקעטן און פון זיי קומט ארויס פרישע סחורה, פרישע געבעקסן, סאלאטן, עס איז דא א שפע.

דער היינטיגער מענטש גייט נישט שלאפן ביינאכט פאר'דאגה'ט אז ער וועט אפהונגערן דעם מארגנדיגן טאג. ער גייט אבער יא שלאפן באזארגט אז מארגן וועט ער נישט האבן קיין געלט צו באצאלן די חוב, יענע חוב.

דער אמאליגער מושג פון אוועקלייגן עסן איז נישט דא, אבער דער באגריף פון אוועקלייגן געלט איז נאך געבליבן און אויך קעגן דעם רעדט דא דער רבי אין חובת הלבבות פרק ה' און שטרייכט אונטער אז דער בוטח בה' לא יאצור הנמצא - ער לייגט נישט אוועק אויף מארגן.

עס מיינט נישט אז מען טאר נישט אוועקלייגן, דער מחבר רעדט נאר פון דער וועג ווי אזוי די מענטשן לייגן אוועק, די צוגאנג, די ציטער וואס דערקענט זיך אויף זיי, זארגנדיג אז מארגן וועלן זיי נישט האבן.

א איד וואס אטעמט בטחון זארגט זיך נישט וואס עס גייט זיין מארגן. אויך ווען ער לייגט אוועק איז עס נישט ווייל ער לעבט אין א דאגה מה יולד יום. דער איד מאכט חתונה די דריטע קינד און דאנקט הקב"ה אז ער האט מצליח געווען צופירן זיין דריטן קינד אונטער די חופה, און דרייט זיך נישט ארום פארוואלקענט פון וואו וועט ער האבן געלט חתונה צו מאכן די זיבעטע קינד, ווייל ער ווייסט אז די שפע פון השי"ת ענדיגט זיך קיינמאל נישט, דער זעלבער וואס האט געגעבן אויף די דריטע חתונה וועט געבן אויף די זעקסטע, אויף די זיבעטע, די אכטע, די צענטע און אזוי ווייטער.

אז א מענטש וועט בלייבן שטיין נעבן א וואסערפאל, צי וועט ער זארגן אז די וואסער וועט אויפהערן רינען? ניין, ווייל אזוי לאנג ווי די וואסער רינט איז דא וואסער.

אין פרשת המן זאגט דער פסוק **"ויצא העם ולקטו דבר יום ביומו"**.

דערציילן חז"ל אז רבי אלעזר המודעי האט נישט פארשטאנען דער פסוק. וואו קומט דא אריין די ווערטער 'דבר יום ביומו'? נאר די תורה לאזט דא הערן א געדאנק - ער זאגט פאר'ן איד: **"מי שברא יום, ברא פרנסתו"**.

ווען עס קומט צו פרנסה, זאל דיין זארג זיין ווי דער זארג פאר'ן טאג. ביליאנען מענטשן גייען טעגליך שלאפן רואיג, קיין איינער איז נישט פאר'דאגה'ט צי די זון גייט מארגן אויפשיינען.

אזוי ווי דו זארגסט נישט פאר'ן מארגנדיגן טאג - אזוי זאלסטו נישט זארגן פאר דיין מארגנדיגער פרנסה, ווייל השי"ת וועט עס דיר צושטעלן.

א איד וואס לעבט מיט בטחון לעבט אזוי. ער געניסט פון וואס ער האט יעצט, ער דאנקט אויף זיין היינטיגע שפייז, אויף די קליידער וואס ער גייט היינט אנגעטון, ווייל עס איז ביי אים א זיכערע זאך אז מארגן וועט ער אויך האבן וואס ער דארף צו האבן.

די אידן לעבן א גליקליכע לעבן, א זארגלאזע לעבן.

זאל הקב"ה געבן אז מיר זאלן אויך קענען לעבן אזוי, און זוכה זיין צו א יאר פון שפע רב ופרנסה בהרחבה גדולה

די שיעורים ווערט אחיפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4 [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### אז די בריק שאקלט זיך - לאמיר זיך אנכאפן אין דעם טאטן

האט זיך פארגלוסט פאר א איד צו כאפן א שפאציר אויף א שמאלע בריק.

עס איז א שמאלע בריק, עס שאקלט זיך, די איינציגסטע עצה אז מען וויל זיך האלטן אין דעם איז אז מען זאל זיך אנכאפן אין דעם שטריק, ווייל אויב גייט מען אפלאזן די שטריק קען מען חלילה אראפטראסקענען אין תהום אריין.

א הייליגער מנהג איז דא ביים כלל ישראל. פון דורי דורות איז געווארן איינגעפירט אז אין די טעג פון חודש אלול זאגט מען די קאפיטעל כ"ז אין תהלים "ה' אורי וישעי ממי אירא, ה' מעוז חיי ממי אפחד".

דער מלבי"ם אויפ'ן ארט זאגט אז אין די מזמור ווערט מבואר אז די השגחה פון הקב"ה אויף א מענטש וועט זיך ווענדן אין די דביקות וואס א מענטש האט אין הקב"ה, ווי גרעסער עס איז די דביקות אין הקב"ה, אלץ גרעסער איז די שמירה אויף אים.

נישט נאר איז עס שומר אויפ'ן מענטש, נאר עס קען נישט זיין אז עס זאל טרעפן קיין שלעכטס פאר'ן מענטש ווען ער איז דבוק אין קוב"ה, און ווי זיינע ווערטער איז דארט: **כי לא יאונה לצדיק כל רע, רק ברגע אשר הפסיק חוט הדבקות ונפנה מעבודת ה', ולכן מכל המון הבקשות אשר יבקש האדם, ראוי שישים פניו אל שאלה אחת, בה ימצא כל מבוקשיו, והוא שידבק בה' תמיד.**

דער זעלבער יסוד ברענגט אויך אראפ דער תולדות יעקב יוסף אין פרשת משפטים אין נאמען פון דע בעשטה"ק אז ווען א איד לעבט מיט בטחון אין הקב"ה קען מען אים נישט מעניש זיין מן השמים.

ער פירט אויס מיט מורא'דיגע ווערטער אז ווען מען וויל חלילה שטראפן א איד - נעמט מען ערשט אוועק פון אים די בטחון - ווייל נאר אזוי קען חל זיין אויף אים אן עונש.

מיר לעבן אין א וואקעלדיגער וועלט, אלעס ארום אונז שאקלט זיך, יעדער זוכט עפעס אין וואס ער קען זיך אנכאפן, און די בעסטע זאך אין וואס מען קען זיך אנכאפן איז בטחון אין דעם בורא כל העולמים.

מיר ווערן נענטער צו דעם יום הדין. ווען מען קוקט צוריק צום פריערדיגן יאר, זעט מען וויפיל מען דארף דאווענען און בעטן, אבער אונזער מזל איז אז דער שופט איז אויך אונזער טאטע.

ווען א קינד שפירט אז זיין טאטע איז בייז אויף אים, אז ער האט נישט וואו צו גיין, לויפט ער צוריק צו זיין טאטע, ער וויינט זיך אויס צו אים אז ער זאל אים באשיצן, און די זעלבע קענען מיר טון, מיר האבן נישט קיין אנדערע ארט צו לויפן, נאר צום טאטן אין הימל, דאס איז די זיכערסטע זאך וואס מיר האבן אויף די וועלט.

מיט א קלארקייט געבט עס ארויס דער פייטן רבי שלמה אבן גבירול אין זיין בארימטער ליד 'כתר מלכות' וועלכע מען זאגט אין די ספרדישע קהילות ליל יום הק': "אברח ממך - אליך, ואתכסה מחמתך - בצילך"!

דער רבוש"ע האט אונז געגעבן ימי דין, אבער אין די זעלבע צייט געבט ער אונז אויך די עצה, לויפן צו אים, לאמיר עס אויסנוצן און זוכה זיין צו א לעכטיגע יאר.

**א גוט שבת**
**פינחס שפר**

השגחה פרטית האטליין
אידיש. העברעאיש. ענגליש.
שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:
פון ארץ ישראל 02-30-11-300 • פון אמעריקע 151-86-130-140 • פון ענגלאנד 0-330-3900-489 • פון בעלגיע 0-380-844-28
פון אויסטרליע 613-996-10005 • פון דרום אפריקע 87-551-8521 • פון ארגענטינע 3988-4031 • פון אוקריינע 380-947-100-633 • פאר דער פריערן אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## גענוי אויפ'ן האר

מיין זיידע זאל זיין געזונט מוטשעט זיך מיט שווערגקייטן אין זיין געזונט. צו פארלייכטערן זיינע ליידן האט זיך אויסגעפעלט אז מען זאל אים קויפן א סארט מאשין וואס זאל אים גרינגער מאכן די ליידן.

די מאשין קאסט צו קויפן 440 שקל. רעדנדיג אזוי צווישן די משפחה ווער עס גייט עס קויפן און וואו מען גייט עס קויפן און ווי אזוי, האבן מאנכע געזאגט אז זיי גייען אנפרעגן ביי די געזונטהייט דעפארטמענט צי זיי באצאלן אזא מאשין.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז זיי צאלן נישט אזא מאשין פאר א קראנקער. די זאך האט זיך געשלעפט און געשלעפט.

איין טאג האב איך ארומגעפרעגט ביי די משפחה, וואס הערט זיך מיט דעם? מען האט מיר געזאגט אז די געזונטהייט דעפארטמענט דעקט עס נישט.

איז וואס גייט מען טון? איך האב געזען ווי די ארומיגע ציען מיט די אקסלען. איך האב געהאט געלט אין מיין טאש, האב איך ארויסגענומען דאס געלט און כ'בין אריבער צו די לאקאלע דעפארטמענט און עס באשטעלט.

איך האב געלט אין טאש אבער די געלט איז געווען אוועקגעלייגט צו קויפן שטוב זאכן, אבער דא האב איך געזען די וואונדערליכע השגחה פרטית. נאך יענעם טאג האט מיר א איד געגעבן א נדבה פון 100$ וועלכע באטרעפט כמעט 370 שקל.

שפעטער האט מיר א צווייטער איד געגעבן נאך 200 שקל.

נאך דעם וואס איך האב אראפגענומען פון די צוויי נתינה'ס א חומש איז געבליבן 440 שקל מיט נאך 15 וואס עס האט געקאסט די דעליווערי.

איך האב געזען מיט א קלארקייט ווי אזוי הקב"ה צאלט צוריק א שקל פאר א שקל, ווייל ווען מען געבט פאר צדקה דערלייגט מען נישט.

## שכר מצוה - מצוה

עס דערציילט א איד פון די שטאט קרית ספר:

איין טאג בין איך געגאנגען באזוכן מיין טאטע. זייענדיג דארט דערציילט מיר דער טאטע אז נעכטן איז מיין ברודער דא געווען.

ביי די באזוך איז אויסגעקומען צו רעדן איבער א געוויסער איד מיטוועמען זיין ברודער איז באקאנט. זיין ברודער האט דערציילט אז דער איד האט זוכה געווען און געביט

## אן אפוינטמענט ביים באשעפער

פון ווען מיין קינד האט זיך צוריקגעקערט צו אונז אין שטוב נאכ'ן ברית האט ער נישט אויפגעהערט צו וויינען. מיר האבן נישט געהאט קיין מנוחה פון אים.

מיר האבן אויספרובירט אלע ערליי סגולות אין די וועלט. מען האט אים געגעבן צו עסן, צו טרינקען, אבער גארנישט האט נישט געהאלפן.

גוטע אידן האבן אונז גע'עצה'ט צו גיין צו דעם מומחה, צו יענע מומחה, מיר זאלן בודק זיין צי דאס קינד ליידט נישט אויף אן אלערגיע, מיר זענען געגאנגען, מיר האבן אינוועסטירט צייט און כח און מיר זענען געגאנגען, אבער דאן האב איך זיך מיישב געווען אז איך גיי אויך גיין אויף אן אפוינטמענט ביים באשעפער.

וואס מיינט עס אן אפוינטמענט ביים באשעפער? אז איך גיי זיך באשטימען א צייט ווען כ'וועל רעדן צום בורא כל העולמים וועגן דעם און אויך זאגן תהלים.

אין אנהייב האט זיך דער געדאנק געהערט מאדנע אבער ביסלעכווייז איז עס אריין אין מיין קאפ.

איך האב באשטימט א צייט און זיך אנגעטון מכובד'יג ווי כ'וואלט ווען געגאנגען צו א פראפעסאר, פארלאשן דעם טעלעפאן און זיך געשטעלט דאווענען פאר'ן בורא כל העולמים.

וואונדער, אין יענע שעה, האט מיין שוויגער אריינגעקלינגען צו מיין פרוי און געהאט פאר איר א פשוטע עצה. מיין ווייב האט עס אויסגעפאלגט און נאך אין יענע שעה האט דאס קינד אויפגעהערט צו וויינען און צו פארפרן.

פון דאן אן איז דאס קינד רואיג, שלאפט רואיג, עסט רואיג.

## אין דריי שעה ארום

עס דערציילט א כולל יונגערמאן:

מיין חברותא זיצט שוין אין כולל אסאך יארן, און אין די זייטיגע צייטן געבט ער זיך אפ מיט'ן פארקויפן וועגעלעך פאר בעיבים.

געווענליך ווען איינער האט א קינד קויפט מען א נייע וועגעלע, און פון דעם שפייזט ער זיך. איין טאג זיצט ער אין כולל און זיין טעלעפאן קלינגט, א איד זאגט אז ער וויל קויפן א נייע וועגעלע, ער דארף עס יעצט, אז מען פארקויפט עס אים יעצט, צאלט ער מיט קעש געלט.

עס איז א שווערע נסיון, ווייל נישט יעדער צאלט קעש. צומאל דארף מען זיך מוטשענען מיט א טשעק אדער מיט קרעדיט קארד פעימענטס.

מיין חבר האט געהערט און געזאגט פאר'ן קויפער אז יעצט קען ער נישט, באלד וועט ער קענען. יענער האט זיך פרובירט איינצובעטן, פאר מיין חברותא איז עס געווען א נסיון אבער ער האט עומד געווען אין דעם.

יענע נאכט קלינגט מיר מיין חברותא איבערראשט.

"געדענקסט דער טעלעפאן קאלל?"

איך האב עס גוט געדענקט.

"וויסן זאלסטו אז היינט איך האב פארקויפט דריי טייערע וועגעלעך. עס האט זיך נאך קיינמאל נישט געמאכט אזא געלונגענער טאג, איך בין זיכער אז דאס איז א תוצאה פון זיך האלטן שטארק און נישט מפסיק זיין אינמיטן לערנען".

ער האט זיך איינגעהאלטן איינמאל און פארדינט דריי מאל אזויפיל.

## א הלוואה פאר'ן מלומד בניסים

אין די כולל וואו איך לערן איז דא א יונגערמאן וואס מוטשעט זיך זייער

## מפיצים אמונה ומחיים נפשות

מיר האבן צוגעזאגט צו געבן א תרומה פאר די חשובע גליונות פון 'השגחה פרטית' אין לויף פון א יאר צייט. עס איז אריבער עטליכע חדשים און מיר האבן באשלאסן צו דאפלען די נדבה. מיר האבן עס געגעבן לרפואת אונזער קינד וועלכע פארמעסט זיך שוין א לענגערע צייט מיט א שווערע געזונטהייט פראבלעם. דער סדר איז אז חודש תשרי דינגען מיר ארויס א דירה. פאר לאנגע יארן דינגען מיר שוין ארויס די זעלבע דירה. דורכאויס די יארן האבן מיר קיינמאל נישט געבעטן קיין דיסקאונט. דאס יאר האבן מיר באשלאסן אז מיר גייען יא בעטן. באשטעלנדיג דאס ארט האבן מיר א פרעג געגעבן צי עס איז דא א דיסקאונט פאר א קינד מיט באגרעניצונגען. ווי נאר די אייגנטומער האבן געהערט פון וואס עס רעדט האבן זיי געזאגט אז זיי געבן עס אומזיסט. מיר האבן זיך געשפארט די סומע פון 3000 שקל. עס איז געווען א גרויסע פארדינסט. מיר האבן געהאט א קלארע הרגשה אז דאס איז אין זכות פון די תרומה וואס מיר האבן געגעבן פאר די הפצה פון אמונה.

## מפיצים אמונה ורואים ישועות

פון טיפן הארצן וויל איך זיך באדאנקן פאר די הערליכע גליון וואס איר געבט ארויס איינמאל אין צוויי וואכן. די נאנטע ווייסן שוין אז די בעסטע וועג ווי אזוי זיי קענען מיר מהנה זיין איז מיט'ן ברענגען די גליון פון 'השגחה פרטית'. איך ליין דורך יעדע גליון פון דעקל צו דעקל. די גליון איז הערליך אוסגעשטעלט. אלע אין די משפחה לייענען עס. אלעמאל ביים לייענען וועט זיך איינער געבן א רוף אן אז דאס איז אזא שיינע מנהג, אז אפשר זאל איך טון ווי יענער האט געטון. א דאנק פאר די הערליכע ארבעט, און איר זאלט זען ברכה אין אייער ארבעט.

שטארק מיט פרנסה. ער האט א חברותא וואס איז א בעל יכולת, אבער ער בעט אים קיינמאל נישט קיין הילף.

אבער יעדער כלל האט דאך א יוצא מן הכלל. איין וואך איז ער געווען אזוי געדרוקט אז ער האט געבעטן זיין חברותא א הלוואה.

דאגעגן דער בעל היכולת האט א פרינציפ אז ער בארגט נאר ווען מען האט א חשבון ווי אזוי מען גייט קענען צוריקצאלן די חוב.

"דו ווייסט דאך אז דו האסט נישט ווי אזוי צוריקצוצאלן דעם חוב", האט זיין חברותא גע'טענה'ט, אבער גלייך צוריקגעצויגן זאגנדיג: "דו ביסט דאך א מלומד בניסים און אזא איינער קען מען בארגן".

אויפ'ן ארט האט ער ארויסגענומען פון טאש עטליכע הונדערט שקל און אים פארבארגט.

עטליכע אידן האבן מיטגעהאלטן די סצענע, און איינער פון זיי האט באשלאסן אז דער איד איז טאקע א מלומד בניסים און היינט וועט ער זיין א נס פאר אים. נאך מנחה האט ער זיך דערנענטערט צו אים און אים געוואלט געבן דאס געלט אבער איינער האט אים שוין געהאט אויסגעכאפט מיט די מצוה.

מען האט געזען אז עס ווערט טאקע מקויים די זאך אז פון הימל זארגט מען אז ער זאל זען ניסים.

## באצאלט די לעקטער ביילל

עס דערציילט א יונגערמאן פון בית שמש: מיין פליכט איז אויפצוראמען די שול און עס גרייט מאכן פאר שבת. איינמאל ארבעטנדיג אין די שול האב איך אומוועלנדיג געהערט א שמועס צווישן צוויי אידן. איין איד דערציילט פאר די אנדערע אז פאר א לענגערע צייט האט ער נישט באקומען קיין עלעקטריציטעט בילס.

ער איז געווען זיכער אז זיי האבן פארגעסן פון אים, אבער זיי האבן נישט פארגעסן פון אים. יעצט האט ער באקומען א ביילל פון זעקס טויזנט שקל.

דער איד האט אויסגעזען אביסל פארלוירן, ער האט נישט געוואוסט וואס ער קען טון.

איך האב רחמנות געהאט אויף דעם איד, איך האב געהאפט אז עס וועט אים גיין גוט, אבער אויבנאויף האט נישט אויסגעזען אז עס איז דא א לעזונג צו די סיטואציע.

די זייגער האט זיך גערוקט, די שול האט זיך אויסגעליידיגט, ווען מיטאמאל הער איך קלאפעריי. אויפ'ן טיר קלאפט איינער. איך עפן אויף און אט שטייען צוויי אמעריקאנער אידן.

"מיר קומען יעצט פון א ביזנעס דיילל און מיר האבן באשלאסן אז מיר גייען שטיצן צוויי בני תורה.

אן צעגערייי האבן זיי ארויסגענומען פון טאש טויזנט דאלער און עס געגעבן פאר דעם איד.

איך האב נישט געגלייבט וואס כ'זעה, אבער ווי עס זעט אויס האט מען געזארגט פאר דעם איד ער זאל האבן צו באצאלן זיין לעקטער ביילל.

א שיינע מקוה טהרה אין א געוויסע שטעטל און אז די מקוה איז א געוואלדיגע זיכוי הרבים.

דערביי האט מיר מיין טאטע דערציילט אז דער פאלגענדער איד האט געלערנט מיט אים אין ישיבה, און אז ער האט זיך געפרייט צו הערן אז מיין חבר האט זוכה געווען צו אזא זאך.

הערנדיג די געשיכטע האט מיין טאטע צוגעלייגט דער המשך זאגנדיג אז די ישיבה איז געווען סטאנצירט אין א פארשטופטער געגענט און אז אין די געגענט איז נישט געווען קיין מקוה.

דער בחור האט נישט מוותר געווען, יעדן טאג איז ער מיט זיין ביציקל אריינגעפארן אין די שכינות'דיגע שטאט אריינצוכאפן א מקוה.

א שטיק צייט שפעטער האט אים א שכן געזאגט אז לויט זיין חשבון דארף זיין א קוואל וואסער אין די חצר פון די ישיבה. ווען מיין חבר האט עס געהערט האט ער זיך געגומען גראבן און שפעטער האט ער געבויט ארום דעם א שטיקל געביידע.

עס איז נישט געווען קיין צוגעשטעלטע מקוה, עס האט נישט געהאט קיין הייצונג, אבער טאג טעגליך האט ער זיך גע'טובל'ט אין דעם.

ער האט געהאט מסירות נפש פאר א מקוה און יעצט האט מען אים פון הימל מזכה געווען מיט די שכר מצוה - מצוה, אז אין די עלטערע יארן האט ער געקענט מקיים זיין די מצוה און בויען א גרויסע מקוה און מזכה זיין אידישע קינדער מיט א מקוה.

## די ישועה ביי די פערציגסטע טאג

עס איז געווען אינמיטן זומער ווען מיין מאמע האט פלוצלונג באקומען א שווערע ווירוס. אין אנהייב האט מען געמיינט אז עס וועט אריבערגיין, אבער עס איז געווארן ערגער און ערגער און מען האט איר געדארפט ארייגפירן אין שפיטאל.

מיין מאמע איז רעלאטיוו א יונגע פרוי, און איר געשעעניש האט אויפגעטרייסלט די משפחה. מען האט איר ארויפגעלייגט אויף אן עקמא מאשין און זי איז געווען אויף איר לאנגע וואכן.

אין יענע וואכן האבן מיר קורע שמים געווען פאר איר, אבער די ישועה איז נישט געקומען צו גיין.

טראכטנדיג וואס מען קען טון לרפואתה, האב איך געבעטן אז יונגעלייט אין כולל זאלן זיך פֿאַרנעמען א קבלה טובה אז פאר פערציג טעג וועט מען נישט רעדן ביים דאווענען.

מען האט אזוי געטון און גלייך האט זיך אנגעהויבן א בעסערונג. עס איז געווארן בעסער און בעסער.

די אינטערעסאנטקייט איז געווען אז די פערציגסטע טאג איז געווען די ערשטע טאג ווען זי האט אנגעהויבן רעדן און ווערן בעסער.

מען האט געזען אפענערהייט די שייכות צווישן די ביידע זאכן.


## טייערע לייענער

לעת עתה ווערט אונזער גליון דאהי נאר פארשפרייט אין די אי מעיל'ס אדער אין די געדורקטע קובצים פון די גליונות.
מיר האפן זייער שטארק אז בקרוב וועלן מיר קענען דרוקן עקסטער אונזער גליון אבער אויף דערווייל שטעלן מיר צו די מעגליכקייט איר זאלט עס קענען דרוקן פאר א מינימאלישע פרייז.

אויב ווילט איר מזכה זיין די מתפללים אין אייער בית המדרש אדער פארטיילן די רייכע גליון אין אייער געגענט

פארבינדט זיך מיט אונז
אויפ'ן נומער - 9722-6-313-742

## נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק
צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים
**רוף יעצט אריין: 02.6313.742** אדער אין ליין פון השגחה פרטית **02.30.11.300** |דריקט 6

**העברה לבנק לאומי** סניף 902 | חשבון 57390056
**משלוח בדואר** לת.ד. 5475 ירושלים
**בעמדות נדרים פלוס** ע"ש השגחה פרטית

# לשונם הזהב
## השגחה פרטית בספרים הקדושים

### יעדער איד האט א פידל וואס זינגט צו הקב"ה אין זיין הארץ

עצה כללית שווה לכל נפש אני יודע: הרי מציאות הבורא יתברך מתמדת בכל מציאות הנבראים, וזה סוד העולם הנעלם מאלה הנהדפים בזרם החיים הגשמיים. מנויה וגמורה, כי ביד האדם להכין ליבו לשמים, וכל שמרבה לצאת מהשקר ולצייר בליבו ציור אמיתי, כי אמנם ניתן להאדם להתקשר במחשבתו עם עילת כל העילות, וקרוב ה' לכל קוראיו, וזה נחת רוח ליוצרו. אשר כמובן הוא כולו סוד, ואין בכוח שכל אנושי לציירו ציור אמיתי, אבל אמנם כינור תלוי בלב כל אנוש, ונהנה הוא מנעימת זמירותיה. ומה נפלא הדבר כי ביכולת האדם להשיח דאגותיו לפני אדון עולם יתברך, כאשר הוא משיח לרעהו, והמקום ברוך הוא מכנהו ילד שעשועים. ותפילה בעת צרה, שהאדם נצטווה עליה, היא לו לעזר ותרופה מתמדת, משמחת לב ומאירת עיניים.

(קובץ אגרות חזון איש, ח״ב מכתב ב)

### ווי א שמועס מיט א חבר וואס שטייט קעגן דיר

**אמר ר' פינחס בשם רב יהודה בר סימון: עבודה זרה נראית קרובה ואינה אלא רחוקה. מה טעמא** [פון וואו ווייס איך דאס? ווייל עס שטייט אין פסוק] (ישעיה, מז) "**ישאוהו על כתף יסבלוהו**, ויניחהו תחתיו ויעמד, ממקומו לא ימיש, אף יצעק אליו ולא יענה, מצרתו לא יושיענו", **סוף דבר** [וואס איז געווען דער סוף דבר?] **אלוהו** [זיין אפגאט] **עמו בבית, והוא צועק עד שימות**, ואלילו **לא ישמע ולא יושיע מצרתו.**

**אבל הקב"ה נראה רחוק ואין קרוב ממנו.** זעט אויס ווייט - **דאמר לוי: מהארץ ועד לרקיע** הראשון **מהלך חמש מאות שנה, ומרקיע** הראשון **לרקיע** השני **מהלך חמש מאות שנה, ועביו של כל רקיע** מהלך **חמש מאות שנה. וכן** המרחק **לכל רקיע ורקיע** משאר ששת הרקיעין. הרי לנו המרחק מן הארץ עד לסוף הרקיע השביעי, מהלך שבעת אלפים שנה.

**ואמר רבי ברכיה ורבי חלבו בשם רבי אבא סמוקה: אף טלפי** [פרסות רגלי] **החיות** העומדין מעל כל הרקיעין **מהלך חמש מאות שנה וחמש עשרה, מנין** [כחשבון אותיות] "**ישרה**" שהוא חמש מאות וחמש עשרה, ככתוב על החיות "רגליהם רגל ישרה".

**ראה כמה** הקב"ה **הוא גבוה מעולמו** ווייל ער געפינט זיך העכער די הימלען און העכער די חיות הקודש, **ואדם נכנס לבית הכנסת, ועומד אחורי העמוד** פון דער בית הכנסת **ומתפלל בלחישה, והקב"ה מאזין את תפילתו. שנאמר** (שמואל א, א): "**וחנה היא מדברת על לבה, רק שפתיה נעות וקולה לא ישמע**", **והאזין הקב"ה את תפילתה. וכן** הוא אצל **כל בריותיו, שנאמר** (תהלים, קב): "**תפילה לעני כי יעטף** ולפני ה' ישפוך שיחו", שיחו - **כאדם המשיח באוזן חבירו והוא שומע. וכי יש לך א-לוה קרוב מזה, שהוא קרוב לבריותיו** כקרבת **הפה לאוזן** חבירו.

דורך התבוננות קען מען צוקומען צושפירן אז דער רבוש"ע שטייט פאר דיר און הערט אויס דיין תפילה

וכשאתה מתפלל, דע לפני מי אתה מתפלל. והנה ג' דברים צריך שיסתכל האדם ויתבונן היטב, כדי שיגיע אל זאת היראה: האחד, שהוא עומד ממש לפני הבורא יתברך שמו ונושא ונותן עמו. אף על פי שאין עינו של אדם רואהו, ותראה כי זה הוא היותר קשה שיצטייר בלב האדם ציור אמיתי, יען אין החוש עוזר לזה כלל, אמנם מי שהוא בעל שכל נכון, במעט התבוננות ושימת לב יוכל לקבוע בליבו אמיתת הדבר, איך הוא בא ונושא ונותן ממש עמו יתברך, ולפניו הוא מתחנן ומאתו הוא מבקש, והוא יתברך שמו מאזין לו מקשיב לדבריו, כאשר ידבר איש אל רעהו ורעהו מקשיב שומע אליו.

(מסילת ישרים פרק יט)

### דער באשעפער איז נעבן דיר - ער הערט אויס יעדע ווארט וואס דו רעדסט

המרחק בין כיסא הכבוד לאדם העומד כאן בעולם הזה, הוא מיליארדי שנים! וכל השנים האלה הם רק משלים של מרחק, של מדרגה ושל עוצמה. ועם כל המרחק העצום הזה - הקב"ה קרוב אלינו "כאדם המשיח באוזן חבירו... כפה לאוזן", ואפילו יותר מזה - "בתוך ליבו"! כל העוצמה הזו היא פה, אצלנו.

את הדברים האלה לא צריכים להשאיר בתור רעיונות פילוסופיים, אלא לתרגם אותם לעבודת ה', להתפעלות ולהתלהבות... ואכן, יהודים של פעם היו מתפעלים. שלא לדבר על האבות הקדושים ומשה רבנו, שאצלם הכול היה מוחשי, והם לא הסיחו דעתם אפילו לשנייה אחת מהמציאות הזאת - גם כשאכלו, כשישנו ובכל רגע מחייהם.

(נפש שמשון בענייני אמונה, להרב שמשון פינקוס זצ"ל)

# א פינטעלע ליכטיגקייט
## אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

אין די וועלט הערט מען אייביג ווי מענטשן זאגן איינער פאר די אנדערע אז דא אויף די וועלט האט זיך יעדער איינער זיין פעקל. מען זאגט עס אין א נעגאטיווער וועג, מען באקלאגט זיך אז דאס איז די מציאות, מען דארף משלים זיין מיט דעם, אבער דער אמת איז אז אין יעדער פעקל איז דא פון אלסדינג, עס האט זיך אירע גוטע חלקים, אבער אויך אירע שווערע חלקים.

דער תפקיד פון א איד איז צו זיין קאנצעטרירט אין די גוטע חלקים, אריינצוקוקן אין זיין פעקל און זען אין איר די גוטע חלקים.

אז מען וועט אייביג קוקן וואס מען האט נישט וועט דער לעבן זיין א שווערע לעבן. מען וועט קיינמאל נישט זיין צופרידן, דער לעבן וועט זיין איין לאנגער קייט פון מרה שחורה, פון דיפרעסיע.

מיט יארן צוריק איז א חשובער רב געקומען אויף א באזוך אין לעיקוואד. אלץ אן איינוואוינער פון די שטאט האט מען מיר געבעטן אז איך זאל אים באגלייטן און ווערן דער גבאי, אזוי לאנג ווי ער איז אין די שטאט.

ווי אייביג, האבן אידן געשטראמט צו דעם צדיק, יעדער האט געוואלט באקומען פון אים א ברכה.

די אידן האבן מיר דערציילט זייערע צרות, די שוועריגקייטן וואס זיי גייען אריבער, וועלענדיג אז איך זאל עפענען פאר זיי דעם טיר צו דעם רב.

אסאך פון די וואס האבן זיך אויסגערעדט פאר מיר זענען געווען באקאנטע. איך האב זיי געקענט פון פריער, אויסערליך האבן זיי

### א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' יהודה מאנדעל שליט"א פון לעיקוואד
### יעדער איינער מיט זיינע 'שווערע פעקלעך' אבער אויך מיט זיין 'גוטע' פעקל

געמאכט א פיינע רושם, אבער הערנדיג וואס עס ליגט אונטער'ן פארהאנג, וואס זיי גייען אריבער, וואס זיי מאכן מיט, בין איך געווארן אינגאנצן פאר מרה שחורה'ט.

יעדער איז זיכער אז נאר פאר אים איז אזוי שווער, אז ביים שכן איז אלעס גלאנציג, אבער ווען מען קריכט אריין אביסל טיפער, ווערט מען געוואויר אז עס איז ממש נישט אזוי, אז אנדערע ליידן זייער אסאך.

אין די וואכענדיגע סדרה לערנען מיר אז די תורה האט מתיר געווען פאר'ן איד ער זאל חתונה האבן מיט די 'אשת יפת תואר'.

די תוה"ק איז מתיר די יפת תואר, אבער אין די זעלבע צייט ווארענט ער דיר, דער סוף וועט זיין אז דו וועסט איר פיינט האבן.

דער 'סופו לשנאותה' איז א כלל גדול פאר'ן לעבן.

אסאך מאל איז א מענטש גלוסטיג, ער זעט זאכן ביי אנדערע און ער גלוסט צו דעם.

ער זעט אז יענער האט א שיינער קאר, אז יענער האט געלונגענע קינדער, אז יענעמ'ס דירה שפאגלט און בליטשקעט.

ער צילט צו האבן וואס יענער האט און ער דרייט איבער א וועלט ביז ווען ער האט עס.

די תורה זאגט דיר, דו קענסט עס טון, אבער דער סוף וועט זיין 'סופו לשנאותה' - דו וועסט עס פיינט האבן, ווייל וואס יענער האט איז גוט פאר יענעם - וואס דו האסט איז גוט פאר דיר!

פריי זיך מיט וואס דו האסט - ווייל דאס איז גוט פאר דיר, וואס יענער האט איז גוט פאר יענעם.


קלינג אריין
שפיר דעם טעם.

צענדליגע טויזנטע
אידן פון די גאנצע
וועלט
**לעבן א בעסערע און**
**א געשמאקערע לעבן**
אדאנק די השגחה
פרטית ליניע

**זיי דו אויך פון די**
**גליקליכע - מאך**
**דעם טעלעפאן**
**קאלל**
און הייב אן לעבן
א רואיגערע און
באַ'טעמ'טע לעבן פול
מיט מנוחת הנפש און
ישוב הדעת

**פון ארץ ישראל**
972-30-11-300+,
**פון ארה"ב**
151-86-130-140,
**פון אנגליה**
0-330-3900-489,
**פון בלגיה**
0-380-844-28,
**פון ארגנטינה**
398-840-31,
**פון דרום אפריקה**
8755-18-521,
**פון אוקראינה**
380-947-100-633